16 האָבן גערעדט אַקעגן אים. די דאָזיקע זענען מורמ־
לער, און וואָס באַקלאָגן זיך (נאָר), בשעת זיי גייען
נאָך זייערע תאוות, און זייער מויל רעדט שטאָלצע
זאַכן, און זענען נושא־פנים צוליב שוחד.
17 איר אָבער, געליבטע, געדענקט די ווערטער,
וואָס זענען פאָרויסגעזאָגט געוואָרן פון די שליחים
18 פון דעם האַר אונזערן ישוע המשיח; ווייל זיי האָבן
אייך געזאָגט: אין דער לעצטער צייט וועלן זיין
אָפּשפּעטער, וועלכע וואַנדלען לויט זייערע רשעות־
19 דיקע תאוות. די דאָזיקע זענען די, וועלכע זונדערן
זיך אָפּ, בעלי גוף, וועלכע האָבן נישט דעם גייסט.
20 איר אָבער, געליבטע, דערבויענדיק זיך אין אייער
הייליקסטער אמונה, און תפילה־טוענדיק אינם
21 רוח הקודש, זאָלט זיך אָפּהיטן אין ג־טס ליבע, און
האָפן אויף דער בארמהערציקייט פון אונזער האַר
22 ישוע המשיח צום אייביקן לעבן. און זייט רחמנות־
23 דיק אויף די יעניקע, וואָס זענען מסופק; ראַטעוועט
זיי, און זייט זיי מציל פונם פייער; און ווידער איבער
אַנדערע זאָלט איר זיך מרחם זיין מיט מורא;
האַסנדיק אפילו דאָס קלייד באַפלעקט פונם לייב.
24 און צו אים, וועלכער איז מעכטיק אייך אָפּצוהיטן
פון שטרויכלען, און אייך פאָרצושטעלן פאַר זיין
25 כבוד אָן אַ מום מיט פרייד, דעם איינציקן ג־ט
אונזער רעטער, דורך ישוע המשיחן דעם האַר
אונזערן, זאָל זיין כבוד, הערלעכקייט, קראַפט און
מאַכט, פאַר יעדער אייביקייט, און איצט, און אויף
אַלע אייביקייטן. אמן.